בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

פנחס (בלק בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 101

## דער ריינער קוואל



אַיְיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

דִי פָּרָשָׁה פָּרָשַׁת פִּנְחָס, אִיז דָא אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פָּסוּק וָואס מֶען גֶעפִינְט נִישְׁט אִין דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה, "וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל ה' לֵאמֹר", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ פַאר עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לֵאמֹר: "יִפְקוֹד ה' אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת לְכָל בָּשָׂר", דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט "אֱלֹקֵי הָרוּחוֹת", זָאגְט רַשִּׁ"י: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז יֶעדֶער אִיד אִיז אַנְדֶערְשׁ, מִיט פַארְשִׁידְנַארְטִיגֶע דֵעוֹת, גִיבּ זֵיי אַ מַנְהִיג וָואס וֶועט זֵיי קֶענֶען פַארְטְרָאגְן יֶעדֶער אִיד לוֹיט זַיין דֵעָה, זַיין מֵיינוּנְג. שְׁטֶעל אַן אִישׁ עַל הָעֵדָה וָואס זָאל זֵיי פִירְן".

הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה קַח לְךָ אֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ וְסָמַכְתָּ אֶת יָדְךָ עָלָיו (בַּמִּדְבָּר כז, יח) גִיבּ אִים דַיין קְדוּשָּׁה, דַיין יִרְאָה. אוּן יְהוֹשֻׁעַ אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן מַנְהִיג.




רַשִּׁ"י זָאגְט אוֹיף אִישׁ אֲשֶׁר רוּחַ בּוֹ, "עֶר זָאל קֶענֶען סוֹבֵל זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין אַלֶעמֶענְס גֵייסְט, אוּן אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אִיד, לוֹיט זַיין דַרְגָּה".

אִין שִׂיחַת הר"ן קל"א שְׁרַייבְּט ר' נָתָן, "דוּ זָאלְסְט גוּט מְעַיֵּן זַיין אִין יֶעדְן תּוֹרָה, אוּן זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין אוּן פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע שִׂיחָה, דִי עֲבוֹדוֹת, דִי עֵצוֹת מִיט דִי מוּסָר וְהִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע תּוֹרָה, אוּן זָאלְסְט בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל דִיר לִיכְטִיג מַאכְן דִי אוֹיגְן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס אוֹיף לְמַעֲשֶׂה ווייל אַלֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, זֶענֶען זֵייעֶר נוֹיטִיג אוּן וִויכְטִיג לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

אֲפִילוּ אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער קֶען עֶס אוֹיסְזֶען פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט לְעֲבוֹדָה וָואס צוּ טוּן. אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אַ טִיפֶע לַאנְגֶע תּוֹרָה, אַ קִינְד קֶען פְרֶעגְן וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר עֶס אִיז אַזַא שְׁוֶועְרֶע תּוֹרָה צוּ פַארְשְׁטֵיין? מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט ר' נָתָן אִיז פַארְהַאן אִין יֶעדְן תּוֹרָה פִיל וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אוּן אַ גְרוֹיסֶע הִתְעוֹרְרוּת זִיךְ צוּרִיקְצוּקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט גוּט צוּלֵייגְן דָאס הַארְץ אוּן דַיינֶע אוֹיגְן, וֶועסְטוּ אוֹיךְ דָארְטְן טְרֶעפְן גוּטֶע עֵצוֹת לוֹיט דַיין מַדְרֵגָה, ווייל אַלֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע כְּלָלִיּוּת, עֶס נֶעמְט אַרוּם דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה, יֶעדֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִיז כָּלוּל פוּן דֶער גַאנְצֶער תּוֹרָה, אוּן נִישְׁט נָאר פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, נָאר פוּן יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִין אַלֶע סָארְטְן דַרְגוֹת, פוּן דֶער הֶעכְסְטֶער אִיד, וָואס אִיז זֵייעֶר אָפְּגֶעהִיטְן אוּן עֶרְלִיךְ, בִּיז דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר נִידְרִיג.

דָאס מֵיינְט אַז מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן קֶען דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִּיק אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן דֶער נִידְרִיגְסְטֶער שְׁוַואכְסְטֶער אִיד אִין זַיינֶע

המשך אויף זייט 11

# "מִיט אַ פְּלַאטְשִׁיקְל קֶען מֶען צוּמָאל אַ הֶעכְט כַאפְּן!"

ר' יִשְׂרָאֵל פוּן נֶעמִירָאוו אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי'ן זִיךְ שׁוֹאֵל עֵצָה זַיין. הֱיוֹת אַז עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה אוּן יֶעצְט הָאט זִיךְ אִים גֶעמַאכְט אַ פַּרְנָסָה אִין אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט וואוּ עֶר קֶען מַאכְן פַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען זִיךְ אַיינְבֶּעטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל צוּשְׁטִימֶען צוּ זַיין פְּלַאן טְרָאצְדֶעם וָואס דָארְט בּוּדְשֶׁעוֶועט אַ מִלְחָמָה. דִי סַכָּנָה אִיז טַאקֶע גְרוֹיס אָבֶּער עֶר אִיז זֵייעֶר גֶעעֶנְגְט מִיט פַּרְנָסָה ווִיל עֶר פָארְן אַהִין.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶאט זֵיינֶע פַארְבָּארְגֶענֶע זַאכְן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִיךְ נִישְׁט עַקְשְׁנֶ'עןְ אוֹיף קֵיין שׁוּם זַאךְ אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר דָא נִישְׁט גֶעוָואלְט מַסְכִּים זַיין אַז ר' יִשְׂרָאֵל זָאל פָארְן. עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל אָפְּמַאכְן בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן אַז יָא אוּן נֵיין זֶענֶען אַלְץ אֵיינְס, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר זָאגְן פִינְף קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אוּן ווֶעלְכֶע מַחֲשָׁבָה עֶס ווֶעט אַרַיינְקוּמֶען אִין זַיין קָאפּ דִי עֶרְשְׁטֶע דָאס זָאל עֶר טוּן.

עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעהֵייסְן אוּן אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי רֶעזוּלְטַאטְן אַז עֶס אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין מַחֲשָׁבָה יָא צוּ פָארְן. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער גֶעוואוּסְט דֶעם אֱמֶת אַז בַּיים חָסִיד אִין הַארְצְן אִיז דֶער יָא גֶעוֶוען שְׁטַארְקֶער ווִי דֶער נֵיין. צוּלִיבּ זַיין תַּאֲוַות מָמוֹן הָאט עֶר גֶעגְלוֹיבְּט מִיטְן גַאנְצְן הַארְצְן צוּ פָארְן אוֹיף דֶער רַייזֶע. הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "נָא, מִיט אַ פְּלַאטְשִׁיקְל קָאן מֶען אַמָאל אַ הֶעכְט כַאפְּן!" (מִיט אַ קְלֵיין פִישׁ קֶען מֶען צוּמָאל כַאפְּן אַ גְרוֹיסְן פִישׁ).

ר' יִשְׂרָאֵל הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס כַּוָּונָה. עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג צוּ זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעפִירְט אַז אַן עוֹשֶׁר הָאט אִים גֶעדִינְגֶען אַלְס אַן אַרְבֶּעטֶער. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט הָאט זִיךְ אַנְטְווִיקְלְט אַ גוּטְן קֶשֶׁר צְווִישְׁן דִי צְוֵויי אוּן ר' יִשְׂרָאֵל הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דֶער גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיפְן עוֹשֶׁר צוּם גוּטְן. יֶענֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעמֵיינֶער יוּנְג. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן פוּן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶע'פּוֹעֶל'ט בַּיי אִים צוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶענוּמֶען אַן עֶרְלִיכֶע פְּרוֹי מִיט וֶועמֶען עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַן פַיינֶע שְׁטוּבּ. עֶר אִיז יֶעדְן טָאג גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּם דַאוֶוענֶען. בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, מַמָּשׁ נִישְׁט צוּם דֶערְקֶענֶען.



פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ ר' יִשְׂרָאֵל דֶערְמַאנְט אִין רֶבִּינְ'ס גֶעזֶעגֶענוּנְג'ס ווֶערְטֶער, "מִיט אַ פְּלַאטְשִׁיקְל קָאן מֶען אַמָאל אַ הֶעכְט כַאפְּן!" דוּרְךְ אִים, אַ קְלֵיין מֶענְטְשֶׁעלֶע אִיז אַרַיינְגֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר צוּ אִידִישְׁקֵייט. אוּן וָואס מֵיינְט אִיר אִיז גֶעוֶוען דֶער עוֹשֶׁר'ס לֶעצְטֶער נָאמֶען? **הֶעכְט!**

# אײן מעשה'לע



דער באַשעפער באַווייזט וואונדער
פאַר זיינע ליבע קינדער

## אִיךְ דַארְף אַן אוֹיטָא

גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אוּנְז זֶענֶען גֶעפָּארְן קַיין מִירוֹן אוֹיף שַׁבָּת, אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוָואלְט פָּארְן מִיט אַן אוֹיטָא, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶועריקַייטְן סַיי וֶועגְן דִי הוֹיכֶע פְּרַייז אוּן נָאךְ סִבּוֹת, אוּנְז הָאבְּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ מִן הַשָּׁמַיִם וֶועלְכֶער הָאט אוֹיסְגֶעצָאלְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן דִי הוֹצָאוֹת וַוייל מַיין טַאטֶע הָאט מִיטְגֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע רֶענְצְלֶעך פַאר דֶעם אִיד.

עֶס קוּקְט אַסַאךְ מָאל אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט אָדֶער אֶפְשָׁר קִינְדִישׁ צוּ שְׁרַייבְּן מַעֲשֶׂה'לֶעךְ, עֶס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַלֶעמֶען אָדֶער מַאכְט זִיךְ זְמַנִים וֶוען דִי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁט אַזוֹי אִין בְּרֶען אוּן מֶען פַארְגֶעסְט פוּן דִי פָּשׁוּטֶ'ע עֵצָה "תְּפִלָּה", בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶּער יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ אוּן פְּרָט וָואס דִיר פֶעלְט.

אִיךְ בְּרֶענְג אַרָאפּ בַּיישְׁפִּילְן פוּן גָאר גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען וִויאַזוֹי מֶען גֵייט צוּ צוּ דֶעם הֵיילִיגְן עֵצָה.

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת פוּן מָאהלוּב קַיין זַאסְלַאב וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוַויילְט יֶענֶעם שָׁבוּעוֹת.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעכֶנְט צוּ קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אוֹיף שַׁבָּת אוּן אַרוֹיסְפָארְן קַיין זַאסְלַאב בַּאלְד מוֹצָאֵי שַׁבָּת צוּזַאמֶען מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים עֶר זָאל קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף שָׁבוּעוֹת.

ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין מָאהלוּב בַּיי זַיין שְׁוֶוער, אוּן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁפֶּעט. [יֶענֶעם עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אִיז גֶעוֶוען דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן רֶבִּי'נְס עֶרְשְׁטֶע רֶעבֶּיצִין]. ר' נָתָן אִיז גֶעוֶוען אִין עֶפֶּעס אַ קְרֶעטְשְׁמֶע, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ-שֶׁל-עוֹלָם, בַּאשֶׁער מִיר אַ וָואגְן מִיט פִּיר פֶּערְד!" - וַוייל מִיט אַ וָואגְן פוּן צְוֵויי פֶּערְד וֶועט עֶר אִיצְטֶער נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען - הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁער מִיר אַ וָואגְן מִיט פִּיר פֶּערְד". דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער בַּעַל עֲגָלָה אוּן הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט דָאס גֶעבֶּעט.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם אַכְסַנְיָא, דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֶעבְּן שְׁטְרוֹי פַאר דִי פֶּערְד, ר' נָתָן הָאט זִיךְ גֶעוַואשְׁן צוּם עֶסְן, צְוִוישְׁן וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם אוּן דִי בְּרָכָה הָאט דֶער בַּעַל עֲגָלָה זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "ר' נָתָן אֵייעֶר תְּפִלָּה אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען. עֶס אִיז נָארְוָואס אָנְגֶעקוּמֶען אַ וָואגְן מִיט פִּיר פֶּערְד!" דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעפִירְט אַ בַּעַל בַּתִּישֶׁ'ער אִיד וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אוּמְזִיסְט, אוּן ר' נָתָן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי חֲבֵרִים פְּרַייטָאג קַיין בְּרֶסְלֶב.

וַוייל עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז מִיט צְוֵויי פֶּערְד וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁער מִיר אַ וָואגְן מִיט פִּיר פֶּערְד!". דָאס אִיז אוֹיךְ אַ מִין בִּיטוּל פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז אַ לַמְדָן אַזַא גָאוֹן בֶּעט אַזֶעלְכֶע בַּקָשׁוֹת. וַוייל עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט בֶּעטְן 'אִיךְ וִויל קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן' - אוּן גֶענוּג. עֶר הָאט אָבֶּער אַרוֹיסְגֶערֶעדְט בִּפְרָטִיּוּת - 'בַּאשֶׁער מִיר אַ וָואגְן מִיט פִּיר פֶּערְד'.

פַאר אַ טַאטֶע וֶועל אִיךְ זִיךְ שֶׁעמֶען צוּ זָאגְן 'גִיבּ מִיר אַ וָואגְן מִיט פִּיר פֶּערְד'? דָאס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט : "אָבִי אַתָּה" - עֶר רֶעדְט אַזוֹי וִוי אַ קִינְד צוּ אַ טַאטְן!

## פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן?

ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אַמָאל אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט אַ טְשְׁוָואק אוּן עֶר הָאט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט דֶער פִינְגֶער. הָאט

המשך אויף זייט 10

## ~ דִי דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט



# דֶער חִיגֵר
## ~2~

דֶער וַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן אוֹיף דֶעם דוּמִיט אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְן אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם וֶועג וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָה וֶועגְן (דְהַיינוּ דֶער וֶועג וָואס אוֹיבִין אִיז גִישְׁטַאנֶען וָואס דִי זוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶער לְבָנָה) הָאט עֶר אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועק גִיטְרָאגְן (דְהַיינוּ צוּ דֶעם וֶועג) הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי פִּיס אִין דֶעם וֶועג. וָואס דֶער פּוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ דִי פִּיס אִיז עֶר תֵּיכֶף גִיהֵיילְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוּל פוּן אַלֶע וֶועגִין אוּן הָאט אִיטְלִיכְן פּוּל בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן אִין אַ בִּינְטְל. (דְהַיינוּ) דֶעם פּוּל פוּן דֶעם וֶועג פוּן צַדִיקִים הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן. אוּן אַזוֹי דֶעם פּוּל פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועגִין הָאט עֶר אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער פַּאר בּוּנְדְן. אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט בִּינְטְלִיךְ פוּן דִי פּוּלִין. אִין הָאט זֵיי מִיט זִיךְ מִיט גִינוּמֶען.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם וַואלְד וָואס מֶען הָאט אִים דָארְט גִירַאבֶּעוֶועט. ווִי עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין הוֹיכְן בּוֹים. וָואס עֶר אִיז נָאנְט צוּ דֶעם וֶועג וָואס פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס דִי גַזְלָנִים רַאבִּיוֶוען. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוּל פוּן צַדִיקִים אוּן דֶעם פּוּל פוּן מְשׁוּגָעִים. אוּן הָאט זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹיס גִימִישְׁט. אוּן הָאט זֵיי פַאר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בּוֹים אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גִיזֶעצְט. עֶר זָאל זֶעהְן וָואס מִיט זֵיי וֶועט זִיךְ טָאהן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן ווִי דִי גַזְלָנִים זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. וָואס דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן (הַנַ"ל) הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישִׁיקְט רַבִּיוֶוען. ווִי דִי גַזְלָנִים זֶענִין גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם וֶועג תֵּיכֶף ווִי זֵיי הָאבְּן אַ טְרֶעט גִיטָאן אוֹיף דֶעם פּוּל. זֶענִין זֵיי גִיוָוארִין צַדִיקִים אוּן הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע יָאר אוּן טֶעג. וָואס זֵיי הָאבִּין בִּיז אַהֶער גִירַאבִּיוֶועט אוּן הָאבְּן גִיהַרְגֶעט כַּמָה נְפָשׁוֹת. נָאר עֶס אִיז דָאךְ אָבֶּער דָארְט גִיוֶוען גִימִישְׁט מִיט דֶעם פּוּל פוּן מְשׁוּגָעִים זֶענֶען זֵיי גִיוָוארִין מְשׁוּגֶענֶע צַדִיקִים. אוּן הָאבְּן זִיךְ אָן גִיהוֹיבּוּן צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין. דֶער הָאט גִיזָאגְט. אִיבֶּער דִיר. הָאבִּין מִיר גִיהַרְגֶעט. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אִיבֶּער דִיר. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי צוּ קְרִיגְט. בִּיז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע גִי'הַרְגֶ'עט. הָאט דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן גִישִׁיקְט נָאךְ

אַמָאל אַנְדֶערֶע גַזְלָנִים. אִיז אוֹיךְ אַזוֹי גִיוֶוען ווי פְּרִיר. הָאבֶּען זֵיי זִיךְ אוֹיךְ גִיהַרְגֶעט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. אוּן אַזוֹי אִיז עֶטְלִיכֶע מָאל גִיוֶוען. בִּיז זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיס גִי'הַרְגֶ'עט גִיוָוארְן. בִּיז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט פְּרִיר קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אוֹיף דִי פִּיס וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף אֵיין בּוֹים) אַז עֶס אִיז שׁוֹין גָאר נִיט גִיבְּלִיבֶּען פוּן דִי גַזְלָנִים. נָאר עֶר אַלֵיין (דְהַיְינוּ דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן וָואס עֶר הָאט זֵיי אַלֶע אָן גִירֶעט כַּנַ"ל) מִיט נָאךְ אֵיינֶעם. אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים אוּן הָאט אוֹיס גִיקֶערְט דֶעם פוֹל פוּן דֶעם וֶועג. אוּן הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט דֶעם פוֹל פוּן צַדִיקִים אַלֵיין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ ווידֶער גִיזֶעצְט אוֹיף דֶעם בּוֹים.

אוּן דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן (וָואס עֶר הָאט עֶס אַלְץ גִישִׁיקְט זַיינֶע לַייט אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ נִיט אוּם גִיקֶערְט) הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִיוואוּנְדֶערְט. וָואס עֶר שִׁיקְט אַלְץ דִי גַזְלָנִים. אוּן קֵיינֶער קֶערְט זִיךְ נִיט אוּם. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען אוּן אִיז אַלֵיין גִיגַאנְגֶען מִיט דֶעם אֵיינֶעם וָואס עֶר אִיז נָאךְ גִיבְּלִיבֶּען בַּיי אִים. אוּן תֵּיכֶף ווי עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם וֶועג. (וָואס דֶער הָאט דָארְט פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם פוֹל פוּן צַדִיקִים אַלֵיין) אִיז עֶר גִיוָוארְן אַ צַדִיק. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אַנְדֶערִין אוֹיף זַיינֶע יָאר אוּן טֶעג. וָואס עֶר הָאט גִיהַרְגֶעט אַזוֹי פִיל נְפָשׁוֹת אוּן הָאט אַזוֹי פִיל גִירַאבִּעוֶועט. אוּן הָאט גִירִיסְן קְבָרִים. אוּן הָאט תְּשׁוּבָה גִיטָאן. אוּן הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס חַרָטָה גִיהַאט. ווי עֶר הָאט גִיזֶעהְן (הַיְינוּ דֶער וָואס אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם בּוֹים) אַז עֶר הָאט חַרְטָה אוּן טוּט זֵייעֶר תְּשׁוּבָה. אִיז עֶר אַרָאפּ פוּן דֶעם בּוֹים. ווי דֶער גַזְלָן הָאט דֶער זֶעהְן אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זִיךְ. וֵויי אִיז מִיר אַזוֹינְס אוּן אַזוֹינְס הָאב אִיךְ גִיטָאן. גִיוַואלְד גִיבּ מִיר אוֹיס אַ תְּשׁוּבָה. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט קֶער מִיר אוּם דָאס קֶעסְטִיל. וָואס אִיר הָאט גִירַאבִּיוֶועט בַּיי מִיר. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז גִיוֶוען פַארְשְׁרִיבְּן אוֹיף אִיטְלִיכֶער גְזֵילָה. וֶוען סֶע אִיז גִיגַזְלֶט גִיוָוארְן. אוּן בַּיי וֶועמִין מִיהָאט דָאס גִיגַזְלְט. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. אִיךְ קֶער דִיר אוּם תֵּיכֶף. אִיךְ וֶועל דִיר שֶׁענְקֶען אֲפִילוּ אַלֶע אוֹצְרוֹת פוּן גְזֵילָה וָואס אִיךְ הָאבּ. אַבִּי גִיבּ מִיר אוֹיס אַ תְּשׁוּבָה. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט. דַיין תְּשׁוּבָה אִיז נָאר. אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין אִין שְׁטָאט אַרַיין אוּן זָאלְסְט שְׁרַייעֶן. אוּן זָאלְסְט מִתְוַדֶה זַיין אִיךְ בִּין דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעמוֹלְט אוֹיס גִירוּפְן (כַּנַ"ל) אוּן הָאבּ גִימַאכְט כַּמָה גַזְלָנִים. אוּן הָאבּ גִיהַרְגֶעט אוּן גִירַאבֶּעוֶועט כַּמָה נְפָשׁוֹת. אַדָאס אִיז דַיין תְּשׁוּבָה הָאט דֶער גַזְלָן אִים גִיגֶעבְּן אַלֶע אוֹצְרוֹת. אוּן אִיז מִיט אִים גִיגַאנְגֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין. אוּן הָאט אַזוֹי גִיטָאן. הָאט מֶען דָארְט אִין דֶער שְׁטָאט גִיפַּסְקִי'ט. בַּאֲשֶׁר עֶר הָאט אוֹיס גִיהַרְגֶעט אַזוֹי פִיל נְפָשׁוֹת. עַל כֵּן זָאל מֶען אִים הֶענְגֶען. לְמַעַן יֵדְעוּ. כְּלוֹמַר כְּדֵי אַנְדֶערֶע זָאלִין זִיךְ אָפּ לֶערְנֶען.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דֶער וָואס הָאט פְּרִיר קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אוֹיף דִי פִּיס) עֶר וֶועט גֵיין צוּ דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג (הַנַ"ל) עֶר זָאל זֶעהְן וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פוּן וַוייטִין פוּן דִי צְוֵויי טוֹיזִינְט בֶּערְג. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז סֶע דָארְטִין דָא כַּמָה וְכַמָה אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת מִשְׁפָּחוֹת פוּן שֵׁדִים. וָוארִין זֵיי זֶענֶען פָּרִים וְרָבִים אוּן הָאבִּין קִינְדֶער אַזוֹי ווי מֶענְשְׁן. אוּן זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פִיל. אוּן עֶר הָאט גִיזֶעהְן זֵייעֶר מַלְכוּת אִיז גִיזֶעסִין אוֹיף אַ שְׁטוּל וָואס קֵיין שׁוּם יְלוּד אִשָּׁה (כְּלוֹמַר קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ) זִיצְט נִיט אוֹיף אַזוֹי אַ שְׁטוּל. אוּן הָאט גִיזֶעהְן ווי זֵיי מַאכִין לֵיצָנוּת. דֶער דֶערְצֵיילְט. אַז עֶר הָאט בַּיי דֶעם אַ קִינְד מַזִיק גִיוֶוען. אוּן דֶער דֶערְצֵיילְט. ווי עֶר הָאט דֶעם אַ הַאנְט מַזִיק גִיוֶוען. אוּן דֶער

דֶערְצֵיילְט. וִוי עֶר הָאט אַ פּוּס מַזִיק גִיוֶוען. אוּן אַזוֹי אַנְדֶערְע לֵיצָנוּת.

דֶערְוַוייל הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. וִוי פָּאטֶער אוּן מוּטֶער גֵייעֶן אוּן וֵויינֶען הָאט מֶען זֵיי גִיפְרֶעגְט וָואס וֵויינְט אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. זֵיי הָאבִּין אַ זוּן. פְלֶעגְט זַיין שְׁטֵייגֶער צוּ זַיין עֶר זָאל גֵיין אִין זַיין וֶועג. אוּן אִין דֶער צַייט פְלֶעגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין אוּם קֶערִין אוּן הַיינְט אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶר אִיז נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען. (אוּן דָאס אִיז אַלְץ גִיוֶוען פוּן דִי שֵׁדִים דֶער פָּאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער מִיט דֶעם זוּן) הָאט מֶען זֵיי גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן אַז מִיזָאל שִׁיקִין שְׁלוּחִים אִין גָאר דֶער וֶועלְט אַז מִיזָאל אִים גִיפִינֶען. וִוי דֶער פָּאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער זֶענֶען קְרִיק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי בַּאגֶעגְנְט אֵיינֶעם וָואס דֶער אִיז אִין אֵיינֶעם גִיגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר זוּן הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. וָואס וֵויינְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים דֶערְצֵיילְט. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילִין. בַּאֲשֶׁר מִיר הָאבְּן גִיהַאט אַ קֶענְפִּי אוֹיף דֶעם יַם. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוּנְזֶער אָרְט. אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִים הָאט גִיקֶערְט דִי קֶענְפִּי. אוּן הָאט גִיוָואלְט דָארְט בּוֹיעֶן פַּאלַאצִין אוּן הָאט דָארְט שׁוֹין גִילֵייגְט אַ יְסוֹד (דְהַיינוּ אַ גְרוּנְט) הָאט אַייעֶר זוּן גִיזָאגְט צוּ מִיר. אַז מִיר זָאלִין אִים מַזִיק זַיין. זֶענֶען מִיר גִיגַאנְגֶען אוּן מִיר הָאבִּין אַוֶועק גִינוּמֶען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זִיךְ גִיפָּארִיט מִיט דָאקְטוֹירִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים נִיט גִקָאנְט הֶעלְפִין. הָאט עֶר זִיךְ אָן גִיהוֹיבִּין צוּ פָּארִין מִיט מְכַשְׁפִים. אִיז דָארְט גִיוֶוען אֵיין מְכַשֵׁף וָואס עֶר הָאט גְוואוּסְט זַיין מִשְׁפָּחָה מַיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר נִיט גְוואוּסְט אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר מִיר גָאר נִיט גִיקֶענְט טְהוּן. נָאר זַיין מִשְׁפָּחָה הָאט עֶר גִיוּוִיסְט. הָאט עֶר אִים גִיחַאפְּט אוּן עֶר אִיז אִים מְעַנֶה זֵייעֶר (כְּלוֹמַר עֶר פַּיינִיגְט אִים זֵייעֶר) הָאט מֶען אִים גִיבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דֶעם שֵׁד וָואס עֶר הָאט דָאס אַלְץ דֶערְצֵיילְט) הָאט עֶר דָאס פַּאר דֶעם מֶלֶךְ אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט לָאז מֶען אוּם קֶערִין דֶעם כֹּחַ צוּ דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶס אִיז בַּיי אוּנְז גִיוֶוען אֵיינֶער וָואס עֶר הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט. הָאבִּין מִיר אִים אַוֶועק גִיגֶעבִּין דֶעם כֹּחַ. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט. לָאז מֶען בַּיי אִים אָפְּנֶעמֶען דֶעם כֹּחַ. אוּן לָאז מֶען אוּם קֶערִין צוּם מֶלֶךְ. הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. עֶר אִיז גִיוָוארְן אַ וָואלְקִין (דְהַיינוּ דֶער שֵׁד וָואס זֵיי הָאבִּין אִים אַוֶועק גִיגִיבֶּען דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז דֶער שֵׁד גִיוָוארְן אַ וָואלְקְן) הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל רוּפִין דֶעם וָואלְקִין אוּן מִזָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַהֶער. הָאט מֶען גִישִׁיקְט אַ שְׁלִיחַ נָאךְ אִים.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס פְּרִיר. וָואס עֶר הָאט דָאס אַלְץ גִיזֶעהְן) לָאם אִיךְ נָאךְ גֵיין. וֶועל אִיךְ זֶעהְן וִוי אַזוֹי סֶע וֶוערְט פוּן דִי לַייט אַ וָואלְקִין. אִיז עֶר נָאךְ גִיגַאנְגֶען דֶעם שְׁלִיחַ. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שְׁטָאט וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דֶער וָואלְקִין. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט דִי שְׁטָאט לַייט. פַּאר וָואס אִיז דָא אֵיין וָואלְקִין אִין שְׁטָאט. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט. דָא אִין שְׁטָאט אִיז אַדְרַבָּא. קֵיין מָאל קֵיין וָואלְקְן נִישְׁט דָא. נָאר פוּן אַ צַייט הָאט אַזוֹי אַ וָואלְקִין בַּאדֶעקְט דִי שְׁטָאט. אוּן דֶער שְׁלִיחַ אִיז גִיקוּמֶען אוּן הָאט גִירוּפְן דֶעם וָואלְקְן. אִיז עֶר אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דָארְט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען (דְהַיינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס פְּרִיר) עֶר וֶועט זֵיי נָאךְ גֵיין עֶר זָאל הֶערִין וָואס זֵיי שְׁמוּסֶען. הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער שְׁלִיחַ הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְט עֶס וָואס דוּ בִּיסְט דָא גִיוָוארִין אַ וָואלְקִין. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילִין אַ מַעֲשֶׂה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער,

אַייךְ וֵוייסְן וֶועלְכֶער מַתָּנָה דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אוּנְז יֶעדְן וָואךְ?

דָאס אִיז דָאךְ דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת! נָאר וַוייל מִיר בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה יֶעדֶע וָואךְ קֶען מֶען פַארְגֶעסְן דָאס טַייעֶרְקַייט אוּן דִי חֲשִׁיבוּת דֶערְפוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ כְּסֵדֶר מְחַדֵּשׁ זַיין צוּ שֶׁעצְן אוּן צוּ לֶערְנֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן לִיכְטִיגְן מַתָּנָה.



בִּפְרָט וָואס מִיר וֵוייסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ אַז דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שַׁבָּת', אִיז זִיכֶער אַז מִיר קֶענֶען מִיט הִתְקַשְּׁרוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן שְׁפִּירְן אַ לִיכְטִיגְקַייט אִינֶעם שַׁבָּת.

מִיר וֵוייסְן אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי עֵצָה פוּן אַלֶע עֵצוֹת 'תְּפִלָּה', אַזוֹי וִוי דִי בַּאווּאוּסְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי ר' נָתָן וֶוען עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער "וָואס פַארַא טַעַם הָאט אַ סוּכָּה נָאכְדֶעם וָואס מ'שְׁרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג 'הַטְעִימֵנִי טַעַם סוּכָּה' ". אַזוֹי אוֹיךְ לְגַבֵּי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ דַארְפְן מִיר זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט כִּסּוּפִין וְגַעְגּוּעִים אוּן מִיט תְּפִלּוֹת "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הַטְעִימֵנִי טַעַם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ!".

דָאס מָאל וֶועלְן מִיר כַאפְּן אַ בְּלִיק דִי הֲכָנָה צוּ שַׁבָּת בַּיי אֵיינֶער פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶע חֲסִידִים אִין שְׁטָאט טְרָאוִויץ.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן חָסִיד ר' סֶענְדֶער טְרָאוִויצֶער זַ"ל אַז וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַזַא בְּרֶען צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אַז זַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן: "וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט ר' סֶנְדֶר עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזַא עוֹבֵד הַשֵּׁם?!"

יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת גְלַייךְ בַּיי חֲצוֹת אִין דֶער צַייט וֶוען זַיינֶע חֲבֵרִים - דִי סוֹחֲרִים זֶענֶען גֶעזֶעצְן אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן פַּארְנוּמֶען מִיט דִי בִּיזְנֶעס אִיז עֶר שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת אוֹיפְן וֶועג צוּם שׁוּל צוּ מְקַבֵּל זַיין קְדוּשַּׁת שַׁבָּת!

מִיר קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיךְ טוּן עֶפֶּעס אַ קְלֵיינִיקַייט פַארְן שַׁבָּת, צוּהֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי עֶלְטֶערְן עֶפֶּעס מֶער וִוי בִּיז הַיינְט, אַז דֶער שַׁבָּת זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן פְּלוּצְלִינְג. אָדֶער זָאגְן עֶפֶּעס מֶער תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת, אוּן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף קְדוּשַּׁת שַׁבָּת, וַוייל יֶעדֶע בִּיסֶעלֶע הֲכָנָה וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ, וֶועט דֶער שַׁבָּת זִיכֶער צוּרִיקְצָאלְן.

**אַ גוּט שַׁבָּת**



# קענסטו דאס ליינען?!

דאס איז א קאפי פונעם ערשטן דרוק פון ספר הקדוש סיפורי מעשיות וואס ר׳ נתן האט געדרוקט.

[מיר האבן עס איבערגעקלאפט עס זאל זיין קלאר צו פארשטיין, פארגעס נישט אז ר׳ נתן האט נישט געהאט קיין קאמפיוטער, ער האט יעדן איינציגן אות געדארפט קלעפן, ענדליך צו די זיגלעך וואס די קינדער האבן וואו מען לייגט אריין איין אות נאכן צווייטן]

(דאנק דעם באשעפער אז היינט צו טאג איז דא שיינע ספרים קלאר פאר די אויגן)

*וועלכע מעשה איז דאס?!*

**מעשה** אמאל איז גיוועזן אחכם • פר זיין טוט
האט ער גרופין זייני קינדר און זיין
משפחה • און האט זייא גילאזט צוואה • אז זייא זאלין
אן טרענקין ביימ׳ר • איר מעגט עוסק זיין און אנדרי
פרנסות אויך • נאר דאש זאלט איר זעהן תמיד צו
טאן • אן צו טרענקין ביימיר • דער נאך איז דער
חכם גישטארבן • און האט ג לאזט קינדר • און ער
האט גיהאט איין זון וואש ער האט נישט גיקאנט גיין
שטיין האט ער יוא גיקאנט • נאר גיין האט ער ניט
גיקאנט • פלעגין אים די ברודיר גיב׳ן סיפוק און זיין
פרנסה • און זייא האבין אים אזו פיל גיגיבין • ביז

**מעשה** אמאל איז גיוועזן אחכם • פר זיין טוט
האט ער גרופין זייני קינדר און זיין
משפחה • און האט זייא גילאזט צוואה • אז זייא זאלין
אן טרענקין ביימ׳ר • איר מעגט עוסק זיין און אנדרי
פרנסות אויך • נאר דאש זאלט איר זעהן תמיד צו
טאן • אן צו טרענקין ביימיר • דער נאך איז דער
חכם גישטארבן • און האט ג לאזט קינדר • און ער
האט גיהאט איין זון וואש ער האט נישט גיקאנט גיין
שטיין האט ער יוא גיקאנט • נאר גיין האט ער ניט
גיקאנט • פלעגין אים די ברודיר גיב׳ן סיפוק און זיין
פרנסה • און זייא האבין אים אזו פיל גיגיבין • ביז

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֱמֶת'ע צַדִיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֱמֶת, אוּן זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן מַחֲשָׁבוֹת.

מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אוּן מְבַטֵל זַיין אַלֶע דִינִים אוּן מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אַנֶערְקֶענֶען אוּן צוּ וִויסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט אוּן דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד ווִי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, אוּן יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג אוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען."

זֵיי אוּנְז מְטַהֵר אוּן הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָּׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן סֶלָה.

(שטיקל פון תפלה ע"ו)

## די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (2)

**א. וויאזוי איז דער וואס האט נישט געקענט גיין אויסגעהיילט געווארן?**

- ❑ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז א רפואה פאר די פיס
- ❑ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז פאר צדיקים
- ❑ ער איז געגאנגען אין די וועג וואס די שטויב איז פאר משוגעים

**ב. צו וועלכע וואלד איז ער נאכדעם געגאנגען?**

- ❑ צו די וואלד וואס איז געווען נעבן אים
- ❑ צו די וואלד וואו מ'האט אים בארואבעוועט
- ❑ צו די וואלד וואו די זון און לבנה קומען זיך צוזאם

**ג. אויף וועלכע בוים איז ער ארויף?**

- ❑ א נידריגע בוים
- ❑ א געווענליכע בוים
- ❑ א הויכע בוים

**ד. וועלכע שטויב האט ער אויסגעשפרייט אויף דעם וועג?**

- ❑ די שטויב פון צדיקים
- ❑ די שטויב פון משוגעים
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואס האט פאסירט צו די גזלנים וואס זענען געגאנגען אויף די שטויב ?**

- ❑ זיי זענען געווארן צדיקים און האבן חרטה געהאט אויף דעם וואס זיי האבן גערויבט און געהרג'ט
- ❑ זיי האבן זיך געשריגן איינער אויפ'ן אנדערן צוליב דיר האבן מיר גע'הרג'עט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. וויפיל גזלנים זענען איבערגעבליבן?**

- ❑ אלע
- ❑ נאר צען
- ❑ דער עלצטער (גרעסטער) גזלן מיט נאך איינער

**ז. וועלכע שטויב האט ער נאכדעם אויסגעשפרייט?**

- ❑ די שטויב פון צדיקים
- ❑ די שטויב פון משוגעים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וואס איז געווארן מיט דעם גרויסן גזלן ווען ער איז געגאנגען אויף די שטויב?**

- ❑ ער איז געווארן א צדיק און חרטה געהאט אוף דעם וואס ער האט גערויבט און גע'הרג'עט
- ❑ ער האט געריסן קברים און תשובה געטון
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האט דער גזלן געזאגט צו דער וואס האט פריערט נישט געקענט גיין?**

- ❑ ער האט אויף אים געשריגן אז צוליב אים האט ער גע'הרג'עט
- ❑ ער האט גארנישט גערעדט צו אים
- ❑ ווי אז איך האב אזוי געטון, גיב מיר ארויס א תשובה

**י. וואס האט מען גע'פסק'נט אין שטאט אויף דעם גזלן?**

- ❑ אז מ'זאל אים גארנישט טון, ווייל ער האט תשובה געטון
- ❑ אז מ'זאל אים איינשפארן אין תפיסה , למען ידעו
- ❑ אז מ'זאל אים הענגען, למען ידעו

**יא. וואו אהין איז דער וואס האט נישט געקענט גיין נאכדע געגאנגען?**

- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואס די זון און ד לבנה טרעפן זיך
- ❑ ער איז צוריק געגאנגען צו די פלאץ וואו מ'האט אי בא'גזל'ט
- ❑ ער איז געגאנגען צו די צוויי טויזענט בערג

**יב. וואס האט ער דארטן געזען?**

- ❑ די שדים וואו זיי מאכן ליצנות
- ❑ די שדים וואו זיי פארציילן פאר וועמען זיי האבן מזיי געווען
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יג. פארוואס האבן די טאטע מאמע פון די שדים געוויינט?**

- ❑ ווייל די שדים האבן זיי מזיק געווען
- ❑ ווייל שוין א לאנגע צייט וואס זייער זון איז נישט געקומע
- ❑ ווייל זיי האבן פארלוירן גאר א טייערע זאך

**יד. ווער האט געכאפט די זון פון די שדים , דער וואס אי פארלוירן געווארן?**

- ❑ זיין חבר וואס איז געגאנגען מיט אים יעדן טאג
- ❑ דער מלך וואס האט געבויט די פאלאץ
- ❑ דער כישוף מאכער וואס האט געוואוסט זיין משפחה

**טו. פארוואס האט ער אים געכאפט און געפייניגט?**

- ❑ ווייל ער האט מזיק געווען פאר דער מכשף
- ❑ ווייל ער האבן אוועק גענומען די כח פון דעם מלך וואו האט געבויט פאלאצן אויפ'ן ים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ'זאל טון?**

- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ'זאל צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואס הא געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ'זאל נישט צוריק געבן די כח פאר דעם מלך וואו האט געבויט די פאלאצן

**יז. וואס האט דער מלך פון די שדים געהייסן אז מ'זאל טון ווע מ'האט אים געענטפערט אז ער איז געווארן א וואלקן?**

- ❑ דערווייל זאל מען גארנישט טון
- ❑ אז מ'זאל צוריק נעמען די כח פון דעם וואלקן און ע צוריק געבן פאר דעם מלך וואס האט געבויט די פאלאצן
- ❑ אז מ'זאל רופן דעם וואלקן און מ'זאל אים אהער ברענגען

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

# איין אַשה'לע



המשך פון זייט 3

זיך אָנְגערוּפְן צו אים ר' נָתָן: "פאַרְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן פְּרִיעֶר אַז דו זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן דֶעם פִינְגֶער?!". עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי ר' נָתָן אַזוֹי אַיינְגֶעווָאוינְט דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, אַז אוֹיבּ עֶס אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַ פְּגַם, עֶפֶּעס נִישְׁט גְלַאטִיג אִיז דֶער פְּגַם גֶעוֶוען נָאר תְּפִלָּה.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי טָאכְטֶער שָׂרָה'קֶע, זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גְבִיר'טֶע, זִי הָאט גֶעהַאט אַ דִינְסְט, הָאט זִי עֶפֶּעס אַ גֶעשְׁרֵיי גֶעגֶעבְּן אוֹיף דֶער דִינְסְט. הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן אִין טָאג פוּן דֶער חֻפָּה, אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ דִינְסְט, זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן מִיט אִיר קְרִיגְן?!".

דֶער רֶבִּי הָאט אִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט: 'פַּארְוָואס קְרִיגְסְטוּ זִיךְ מִיט דֶער דִינְסְט?!' דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: 'פַּארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן'! - דָאס אִיז דָאךְ דֶער עִיקָר חִסָּרוֹן. דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהָאנְגֶען 'פַּארְוָואס קְרִיגְסְטוּ זִיךְ' אַלְס אַ חִסָּרוֹן אִין תְּפִלָּה.

מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן יֶענֶעם - 'פַּארְוָואס קְרִיגְסְטוּ זִיךְ', נָאר 'וִוי קוּמְט דָאס דֶערְצוּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ קְרִיגְן'. וֶוען דוּ זָאלְסְט אַזוֹי בֶּעטְן דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן אַז וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ דִינְסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן קְרִיגְן, וָואלְסְטוּ דָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען דֶערְצוּ. אִין יֶעדֶער זַאךְ וָואס אִיךְ זֶע עֶפֶּעס אַ חִסָּרוֹן, דַארְף אִיךְ וִויסְן, פוּן וַואנֶעט נֶעמְט זִיךְ דֶער חִסָּרוֹן? (איבערגעארבעט פון טעם זקנים).

**אויף וֶועמֶען דַארְף מֶען קוּקְן גוּט?!**

זִיךְ אָפְּרֶעדְנְדִיג וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִּירְן זִיךְ אוֹיף, הָאט ר' גֶעצִי זַ"ל אֵיינְמָאל גֶעזָאגְט: מֶענְטְשְׁן פִּירְן זִיךְ וֶוען זֵיי בַּאגֶעגֶענֶען אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת א.ד.ג. זוּכְט מֶען אִין אִים פָּארְט אוֹיף עֶפֶּעס אַ נְקוּדָּה טוֹבָה, אוּן וֶוען מֶען טְרֶעפְט אִין אִים עֶפֶּעס אַ נְקוּדָּה טוֹבָה וִוי לְמָשָׁל אַז עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה א.ד.ג. אִיז מֶען שׁוֹין מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף אִים אוּן מֶען פְרֵייד זִיךְ מִיט אִים.



פוּן צְוֵוייטְן זַייט וֶוען טְרֶעפְט מֶען אַ קְלֵיינֶע אוּמְרֶעכְט בַּיי אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס אִיז מְקַיֵּים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דִינְט דֶעם אויבֶּערְשְׁטְן, זַיינֶע קִינְדֶער שִׁיקְט עֶר אִין אִידִישֶׁע מוֹסְדוֹת א.א.וו. טוּט מֶען אָבֶּער גְרֵינְגְשֶׁעצְן אוּן מֶען מַאכְט אִים אִינְגַאנְצְן אַוֶועק אָן קַיין שׁוּם לִמּוּד זְכוּת אוּן אָן קַיין רַחֲמָנוּת! (שיח שרפי קודש)

קלענסטע מדרגות דינען דעם באַשעפער מיט די עצות.

אין סוף שיחה קכ"ד שטייט אַז ווער עס האָט געהערט דעם רבי'ן רעדן זיינע דיבורים מיט אַ ריינקייט און תמימות און מיט אַן אמת, איז יעדער דבור אַריין אין די הערצער פון די צוהערער אַזוי ווי אַ פלאַם פייער ממש, אַז אַלע אַרומיגע זענען געוואָרן זייער שטאַרק צוגעצויגן צום באַשעפער מיט גאָר אַ שטאַרקן וואונדערליכן קשר און ברען צום באַשעפער.

נאָכן הערן אַזעלכע רייד האָט זיך געדאַכט פאַר די צוהערער אַז פון היינט און ווייטער האָט מען מער נישט קיין בחירה צו נישט פאָלגן, מען וועט זיכער מוזן זיין נאָנט צום באַשעפער און זיך נישט קענען אָפּטיילן פון אים, מען וועט זיכער נישט טון חס ושלום קעגן באַשעפער'ס רצון, ווייל דאָס האַרץ איז געוואָרן אַזוי צוגעטשעפּעט צום אויבערשטן נאָכן הערן די רייד. מען קען בכלל נישט אַרויסברענגען די התעוררות וואָס מען האָט באַקומען הערנדיג דעם רבי'נס רייד.

אָבער אויך היינט ווער עס איז עוסק אין רבינ'ס פּראַכטיגע ספרים און ער וועט אַריינקוקן מיט אַן אמת און תמימות זאָגט ר' נתן צו אַז זיכער וועט זיך זיין האַרץ זייער אויפפלאַקערן צום באַשעפער, ווייל אַלע דיבורים פון רבי'ן זענען ווי פלאַקערדיגע קוילן.

אין תורה ט' חלק שני זאָגט דער רבי אַז די צדיקים קענען אָנשטעלן דאָס פייער און ברען עס זאָל נישט זיין נישט צו שטאַרק אָדער צו שוואַך, דאָס מיינט "איש אשר רוח בו", אַזוי ווי מען זעט ביי אַ פייער, אויב עס קומט צו אַ שטאַרקע ווינט קען זיך דאָס פייער פאַרלעשן, פון צווייטן זייט קען אַמאָל זיין אַ שוואַכע פייערל און מיט אַ ווינטעלע קען מען מאַכן עס זאָל נאָך ברענען שטערקער און זיך אויפפלאַקערן.

אַזוי קענען די צדיקים אָנצינדן אונזער האַרץ עס זאָל ברענען מיט די ריכטיגע מאָס, עס זאָל נישט זיין קיין רוח סערה, און נישט צו שוואַך ווייל דער מענטש קען אַזוי אַריינפאַלן אין מרה שחורה ועצבות.



די היינטיגע פּרשה פון פנחס ווייסן דאָך אַלע אַז פנחס איז אליהו הנביא, אויף אים איז דאָ אַ פסוק אַז ער האָט געקענט מצמצם זיין דאָס פייער איש אשר רכב על סוסי אש בסערה, ער האָט געקענט מכניע זיין דאָס פייער עס זאָל נישט זיין צו שטאַרק.

דער אויבערשטער זאָל העלפן בכח אליהו הנביא וואו מען לערנט די פּרשה פון פנחס, און בכח אַלע צדיקי אמת זאָלן זיי קענען אַריינשיינען אין אונז אַ רוח דקדושה און טהרה אַז מען זאָל זוכה זיין צו אַ גאַנצע שמחה אַזוי ווי דער אויבערשטער וויל, ביז אונזערע הערצער וועלן זיך אָנפּלאַקערן און אָנוואַרעמען מיט אַ געוואַלדיגע תשוקה טרעפּלווייז נישט צו פיל און נישט צו שוואַך, און דורכדעם וועלן מיר אָנקומען צו וואָס מען דאַרף אָנקומען און זיין בשמחה און דבוק אין באַשעפער אַלעמאָל עס זאָל מקוים ווערן דער פּסוק ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום, אמן נצח סלה ועד.

**חזקו ואמצו, אַ פריילעכן שבת**

שַׁבָּת פַּרְשַׁת בָּלָק אִין שׁוּל סוֹף שַׁחֲרִית בַּיים שִׁיר שֶׁל יוֹם הַשַּׁבָּת, שְׁפַּאצִירְט נַחְמָן - אַ אִינְגְל וָואס הַאלְט אֵיין וָואךְ פַאר זַיין בַּר מִצְוָה - אַרַיין אִין שׁוּל מִיט צֶעקְוֶועטְשְׁטֶע פֵּאוֹת, זַיינֶע אוֹיגְן הַאלְבּ פַארְשְׁלָאפְן אוּן פַארְקְלֶעפְּט, עֶר עֶפְנְט אוֹיף הַאלְבְּוֶועגְס דֶעם סִדּוּר אוּן גֶענֶעצְט, מִיט אֵיין אוֹיג פַארְקְלָאצְט אוֹיפְן דַאךְ. עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט צוּ אַרוֹיסְזָאגְן אֵיין וָוארְט פוּנֶעם דַאוֶונֶען.

בַּאלְד נָאכְן דַאוֶונֶען מוּסָף וֶוען אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן נָאךְ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי זֶעצְט עֶר זִיךְ צוּם טִישׁ, נֶעבְּן דִי קוּגְל אוּן אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקְן.

עֶס אִיז גַאנְץ שְׁוֶוער פַאר דִי קִינְדֶער אַרוּם אִים צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה אֲזַמְּרָה, וִויאַזוֹי מֶען דַארְף טְרֶעפְן נְקוּדּוֹת טוֹבוֹת אִינֶעם חַבֶר אוּן דָן זַיין לְכַף זְכוּת.

אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים ווִילְן יָא פָאלְגְן דֶעם רֶבִּין, לָאמִיר זֶען וִויאַזוֹי זֵיי טְרֶעפְן דֶעם טוֹב אֲפִילוּ אִין דֶעם מָאדְנֶעם פַּאסִירוּנְג?

